בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת ראה

שנת תשפ"ו לפ"ק


נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל



הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת ראה

**בעזהשי"ת** מען טרעט שוין אריין אין חודש אלול די חודש וואס איז געגעבן געווארן לתשובה ולתיקון המעשים און מען האט די געלעגנהייט אויסצושטעלן די קומענדיגע יאהר יעדער איינער לפי זיינע רצונות

**געוויסע** ענינים וואס זענעם אין שנת תשפ"ב געגאנגן אנדערש ווי מען האט געוואלט אויב וועט מען אין דעם חודש עוסק זיין ובכתה את אבי' ואת אמה ירח ימים וועט מען בעזר ה' פועל'ן אז מען וועט יא זוכה זיין אז עס זאל גיין ווי מ'וויל

**פארשטייט** זיך ביי ענינים וואס איז שייך עס זאל גיין אזוי ווי מ'וויל, ווייל אויב וויל מען זיך ווייקן און תאוות פאשטייט זיך אליין אז עס וועט נישט גיין אזוי ווי מ'וויל אבער אויב וועט מען ווען ענדשאיען א בלעטל גמרא וואס וועגט איבער אלע תאוות אזוי ווי עס שטייט ה' נגדך כל תאוותי וועט מען זיכער זוכה זיין צו דעם מיט אביסל התבוננות און תפלה בעז"ה

**אין** דעם חודש וואס מען פירט זיך צו זאגן דעם מזמור, לדוד ה' אורי, ובתוך הדברים דערמאנט מען דעם פסוק כי אבי ואמי עזבוני וה' יאספני, וואס עס קען אויסגעטייטשט ווערן דעם בחינה ווי פאלגענד, מען טרעפט אז אב איז מלשון רצון אזוי ווי עס שטייט ולא אבה לשלוח וואס מיינט ער האט מישט געוואלט, אמי איז א לשון פון אם וואס מיינט אויב וואס מיינט איין צד פון א ספק

**דאס** הייסט ווען א מענטש האט א ספק און ער ווייסט נישט צו ער זאל טוהן אזוי צו אזוי אויף לשון קודש מיינט עס אם לעשות צד זה או אם לעשות צד זה, קומט אויס אז מען רעדט פון טון א ספק וואס א מענטש ווייסט נישט צו ער זאל טוהן אזוי צו אזוי

**קומט** אויס אז חודש אלול איז די צייט וואס מען קען אויסבעטן אלע ענינים וואס א מענטש איז געגאנגן פארקערט ווי ער האט געוואלט, אלע ענינים וואס ער האט געוואלט זאל גיין איין וועג און עס

איז געגאנגען די אנדערע וועג [אזוי ווי ביי א ספק איז דא צוויי זייטן וואס מען קען נעמען ווערט עס דא אויגעטייטשט אז די רצונות האט ער געוואלט איין אופן און עס איז געגאנגען די אנדערע אופן] אלע אובערדערמאנטע ענינים איז חודש אלול די צייט צו מאכן א בלאפרינ"ט פאר די דירה פון שבתי בבית ה' אין די יאר פון תשפ"ג הבעל"ט

**די** וואכעדיגע סדרה הייבט זיך אן ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה את הברכה אשר תשמעון מען קען פארשטיין די פסוק לויט די קומענדיגע עפיזאד עס איז אמאהל געוועהן א גוי וואס די דקטוירים האבן ביי אים אנדעקט א מחלה און זיי האבן אים געזאגט אז עס איז אים געבליבן בלויז 6 חדשים צום לעבן

**א** איד ווען ער הערט אזא זאך די ערשטע זאך נעמט ער ארויס א תהלימ'ל און בעהט פון אויבעשטן להעביר את רוע הגזירה און גייט צום צדיק אדער טוט ער סגולות צו פועל'ן די ישועה איינער וועט פארן אויף קברי צדיקים יעדן אויף זיינע פארנעם וואס אלע די ענינים טוט מען טאקע פאר די הייליגע טעג ארויס צו גיין זכאי בדין

**אבער** וואס פארשטייט א גוי די גוי הערט אז ער גייט שטארבן גייט ער צו צו א קאנראקטער וואס קען בויען שיינע הייזער אין זאגט אים בוי מיר א הויז א יחיד במינו אין איינע פון די שענסטע געגענטער נעבן די ים ווי איך וועל קענען פארברענגען די צייט מיט הנאות און מנוחה און פארברענגען די צייט אן קיין דאגות און אויך זי אויסגעבן בכל תאוות שבעולם און אזוי האט ער געטוהן ער האט גענומען אלע זיין אפגעשפארטע געלטער וואס ער האט זיך אפגעשפארט במשך די יארן און געגעבן פאר די קאנטראקטער אן ערך פון א מיליאן דאלער

**די** קאנטראקטער האט נאכגעהערט פון אנדערע גוים אז דער גוי איז נוטה למות און אז ער דארף נאר דער דירה פאר די נעקסטע זעקס חדשים און נאכדעם וועט ער שוין נישט זיין בהאי עלמא, וואס טוהט א גוי, מאכט ער אפ ביי זיך אז ער וועט נעמען די ביליגסטע סחורה און דאס ניצן פאר די הייזקל און אזא הויז וואס קאסט מיט געהערגע מאטיריאל א מיליאן דאלער, אזוי ווי דער גוי האט אים געגעבן, האט ער איינגעקויפט סחורה אין די ווערד פון בלויז דריי הונדערט טויזענט דאללער און אזוי אויסגענארט די קאסטעמור

**נו** די קאנטראקטער ענדיגט די ארבייט אין די גוי זעצט זיך אריין נאך צוויי חדשים וואס מען האט געפארטיגט די דירה פארשטייט זיך געבויט אויפ'ן שנעלסטן טעמפאו

און מיט די פיר חדשים וואס איז אים געבליבן צום לעבן האט זיך דער גוי אריינגעזעצט און אנגעפאנגען פארברענגען און זיך אויסגעבן זיינע תאוות רעות

**און** אזוי איז ער געווארן שוואכער און שוואכער און עס קומט אן צוויי וואכן פאר די דאטום וואס אער האט געדארפט גיין פון די וועלט, רופט דער גוי צו דער קאנטראקטער און זאגט אים דו ווייסט האסט מיר געבויט אזא שיינער וואקאציע דירה און איך האב באמת הנאה געהאט צו פארברענגען דא אין די העליכע דירה וואס דו האסט מיר געבויט היות איך האב נישט קיין יורשים שרייב איך אריין אין מייו צוואה אז דו באקומסט דעם דירה און די וועסט הנאה האבן פון די ארבעט וואס דו האסט אריין געלייגט מיט אזעלעכע שווערע כחות

**די** קאנטראקטער הערנדיג די ווערטער טראכט צו זיך אוי א שאד ווען איך בוי דער דירה אן קיין חכמות און פקחות נאר מיט געהעריגע מאטיריאל וואס קען זיך האלט לאורך ימים ושנים טובות וואלט איך דאך געקענט הנאה האבן פון דעם דירה פאר א לאנגע צייט אנשטאט וואס אין דער צייט האב איך עס געבויט מיט שוואכע סחורה וואס וועט קאליע גיין ביז אפאר חדשים און עס וועט גארנישט בלייבן פון דעם.

**כלפי** מה דברים אמורים אונז שטייען אלע יעצט אין חודש אלול פאר די יום הגדול הגבור והנורא און יעדער קען יעצט מאכן א חשבון הנפש, אלול איז נוטריקון לא מיט א אל"ף און לו מיט וי"ו דאס הייסט ס'איז דא א מאמר העולם וואס מען דריקט זיך אויס "און ער האט אים געזאגט לא מיט אן אל"ף"

**קומט** אויס אז עס איז דא אידן וואס טראכטן צו זיך אז אלול איז א צייט פון לא מיט אן אל"ף אז מען מיינט גארנישט אים, אויף דעם איז אויך דא לו מיט א וי"ו וואס טייטשט "אים" וואס קומט אונז זאגן אז אויב טראכט ער אז עס געהער נישט צו אים די עבודה פון אלול זאל ער וויסן אז די ל"ו מיט א וי"ו קומט אים זאגן אז עס געהער יא צו אים און מען מיינט יא אים,

**איז** ראה אנכי נותן לפניכם "היום" וואס מען טרעפט אין זוהר הק' וואס שרייבט אז ווי עס שטייט היום גייט עס ארויף אויף ראש השנה אז 'היום דא ר"ה', קומט אויס אז די עבודה פון די טעג פון אלול וואס איז אן הכנה אויף ראש השנה און ביז נאך שמחת תורה וואס איז איין לאנגע המשך קען מען אנקוקען אויף צוויי אופנים מיט א בחינה פון לכתחלה אויסצונוצען די צייט הנאה האבן פון אלע עבודות צו די מאקסימום מיט דאווענען מיט א געשמאק און

נישט אנקוקן די גאנע זאך ווי איין גרוסע עול אזוי ווי די צווי בחורים וואס האבן גערעדט צווישען זיך לאמיר זיך לייגן שלאפן פון ראש חודש אלול ביז מוצאי שמחת תורה

**נאר** נעמען די חלקים וואס מען קען ענדשאיען בבחינת להתענג אל ה' און ואני קרבת אלוקים לי טוב און דאס אוסניצען צו די מאקסימום די טעג און עס וועט זיין ת'הא ש'נת פ'לעין ג'וט.